וואַך, געדענקענדיק, אַז בּמשך פון דריי יאָר האָבֿ
איך נישט אויפֿגעהערט, בּייטאָג און בּיינאַכט, צו
זאָגן מוסר צו יעדן איינעם פון אייך מיט טרערן.
32 און איצט לאָז איך אייך איבּער אויף ג־טס בּאַראָט
און צום וואָרט פון זיין חסד, וועלכער האָט די
מאַכט אייך צו דערבּויען און אייך צו געבּן די ירושה
33 צווישן אַלע געהייליקטע. זילבּער, אָדער גאָלד,
אָדער מלבּושים, האָבֿ איך פון קיינעם נישט בּאַגערט.
34 איר אַליין ווייסט, אַז די דאָזיקע הענט מיינע האָבּן
מיר געדינט פאַר מיינע הצטרכותן און פאַר די
35 הצטרכותן פון מיינע בּאַגלייטער. אַלץ האָבֿ איך
אייך געוויזן, אַז האָרעוועדיק אויף אַזאַ אופן,
דאַרף מען העלפן די שוואַכע, און געדענקען דעם
האַר ישועס ווערטער, ווייל ער אַליין האָט געזאָגט:
עס איז וויילער צו געבּן ווי צו נעמען.
36 און נאָך דעם ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער
געבּייגט זיינע קניען, און מתפּלל־געווען מיט זיי
37 אַלעמען. און עס איז געוואָרן צווישן אַלע אַ שטאַרק
געוויין, און זיי זענען געפאַלן פּוילוסן אויפן
38 האַלז און האָבּן אים געקושט, זייענדיק שמערצלעך
בּאַטריבּט, אַם מערסטן איבּער דעם וואָרט, וואָס ער
האָט געזאָגט, אַז זיי וועלן מער נישט זען זיין
פּנים.—און האָבּן אים בּאַגלייט צו דער שיף.

## קאַפּיטל איין און צוואָנציק

1 און עס איז געשען, ווען מיר האָבּן זיך אָפּגע־
שיידט און זענען אַוועקגעפאָרן פון זיי, פאָרנדיק
אין אַ גראָדער ריכטונג, זענען מיר געקומען קיין
קאָס, און דעם נעכסטן טאָג קיין ראָדאָס, און פון
2 דאָרטן קיין פּאַטאַראַ; און אַזוי ווי מיר האָבּן געפונען